**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/31/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט ארויס מעלדונג פייערנדיג טראנסדזשענדער טאג פון זעהבארקייט**

***מערץ 31 אין ניו יארק איז אויסגערופן געווארן אלץ טראנסדזשענדער טאג פון זעהבארקייט — לייענט די מעלדונג דא***

***סטעיט וויכטיגע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין פייערונג פון טראנסדזשענדער טאג פון זעהבארקייט***

***גאווערנער אנערקענט היסטארישע צאל פארטרעטער פון עפענטליכע טראנסדזשענדער, דזשענדער נאן-קאנפארמינג און נאן-ביינערי מיטגלידער אין איר אדמיניסטראציע***

***ווידעאו ווייזנדיג פארטרעטונג טראנסדזשענדער מיטגלידער אין גאווערנער'ס אפיס דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן א מעלדונג דעקלערנדיג מערץ 31, 2022 אלץ טראנסדזשענדער טאג פון זעהבארקייט, פייערנדיג די טראנס קאמיוניטי אין ניו יארק סטעיט און אריבער דאס לאנד. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט'ס וויכטיגע סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן אין פינק, ווייס און ליכט בלוי היינט נאכט, מערץ 31, אין פייערונג פון די טראנסדזשענדער טאג פון זעהבארקייט און אנערקענענדיג די היסטארישע שטאפל פון פארטרעטונג פון עפענטליכע טראנסדזשענדער, דזשענדער נאן-קאנפארמינג און נאן-ביינערי מיטגלידער פון איר אדמיניסטראציע.

"היינט פייערן מיר טראנסדזשענדער טאג פון זעהבארקייט מיטן ארויסווייזן די צאללאזע ביישטייערונגען וואס מיטגלידער פון די טראנסדזשענדער קאמיוניטי האבן געמאכט אין ניו יארק סטעיט און אריבער דאס לאנד", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער טאג ברענגט אויפמערקזאמקייט צו די דיסקרימינאציע מיט וועלכע טראנסדזשענדער, דזשענדער נאן-קאנפארמינג און נאן-ביינערי מענטשן פארמעסטן זיך אריבער די וועלט. אין דעם צייט וואס געזעצגעבער אין אנדערע סטעיטס פירן דורך בילס וועלכע זענען צום שלעכטן פאר זייערע טראנסדזשענדער איינוואוינער, בין איך שטאלץ צו אנאנסירן די באשטימונגען פון פיר איבערגעגעבענע און קוואליפיצירטע פובליק בעאמטע מיט טראנס ערפארונגען צו ארבעטן מיט מיר אינעם פארזעצן צו שטיצן די טראנסדזשענדער קאמיוניטי אין זייער קאמף פאר גערעכטיגקייט, גלייכקייט און יושר."

די גאווערנער האט אנאנסירט די באשטימונגען פון די פאלגנדע טראנסדזשענדער, דזשענדער נאן-קאנפארמינג און נאן-ביינערי מענטשן אין איר אדמיניסטראציע:

**פריע נעיר (זיי)** איז באשטימט געווארן אלץ דעפיוטי טשיף דייווערסיטי אפיסער. פריע האט דאס לעצטע זאך געדינט אלץ אסאָסיעיט דירעקטאר פון דזשענדער גלייכקייט פאר NYC Health + Hospitals, די גרעסטע פובליק העלטקעיר סיסטעם אין די פאראייניגטע שטאטן. בעפאר דעם איז פריע

באשטימט געווארן אלץ ערשטע עדי ווינדסאר, מאַרשאַ פּ. דזשאנסאן און סילוויע ריווערא ניו יארק סטעיט LGBTQ פעלאָו, וואו זיי האבן געדינט אלץ פּאליסי אדווייזאר און פראיעקט מענעדזשער צו פאראויס רוקן די גאווערנער'ס LGBTQ און דייווערסיטי אונטערנעמונגען. בעפאר די עקזעקיוטיוו טשעימבער איז פריע געווען די LGBTQ ליעיזאן פאר ניו יארק סיטי קאונסיל ספיקערס מעליסע מאַרק-וויווערעטאָו און קאָרי דזשאָנסאן. פּריע איז אריינגערעכנט געווארן אין City & State's "שטאלץ קראפט 100" ( Pride Power 100) ליסטע אין 2019 און אין 2020, זיי זענען א לעבנסלענגליכע ניו יארקער און האט ערהאלטן א BA דעגרי פון Vassar קאלעדזש.

**ראַן זעקי (ער/זיי)** איז באשטימט געווארן אלץ דירעקטאר פון LGBTQ+ אנגעלעגנהייטן. ראַן האט דאס לעצטע זאך געדינט אלץ דירעקטאר פון דרויסנדיגע באציאונגען פון די NYS דיוויזיע פון מענטשן רעכטן (NYS Division of Human Rights). ראַן איז אריין אין די סטעיט רעגירונג דורך די עמפּייער סטעיט פעלאָוס פראגראם און האט געדינט אלץ געהילף דירעקטאר פון צווישן-רעגירונגען אנגעלעגנהייטן פון די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA). ראַן האט אנגעהויבן זיין קאריערע אין פובליק דינסט דורכאויס זיין יארן לאנגע ארבעט אויף חתונה גלייכקייט, מערסטנס מערקווירדיג דינענדיג אלץ עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון חתונה גלייכקייט ניו יארק (Marriage Equality New York, MENY). ראַן האט ערהאלטן א בעטשעלאר אָוו אַרטס דעגרי פון די Lawrence Herbert School of Communication פון Hofstra אוניווערסיטעט און אן עקזעקיוטיוו MPA דעגרי פון Marxe School of Public and International Affairs פון Baruch קאלעדזש, באקומענדיג די Hagedorn סקאָלערשיפּ.

**שאַנעל לאָופּעז (זי/איר)** איז באשטימט געווארן אלץ דעפּיוטי דירעקטארין פון LGBTQ+ אנגעלעגנהייטן. בעפאר די ראלע האט שאנעל געדינט אלץ די טראנסדזשענדער קאמיוניטיס ליעיזאן פאר די ניו יארק סיטי קאמיסיע אויף מענטשן רעכטן (New York City Commission on Human Rights) וואו זי האט אנטוויקלט און אויפגעהאלטן באציאונגען מיט ערווייטלע בעאמטע און פארשידנארטיגע קאמיוניטיס און געהאלפן פלאנירן, קאארדינירן און דורכפירן סטראטעגיעס צו ארבעטן מיט די קאמיוניטיס פאר די קאמיסיע. בעפאר דעם האט שאנעל געדינט אלץ יוגנט קאונסעלאר פאר די Ali Forney Center וואו זי האט געארבעט צו שאפן זיכערע ערטער און צו צושטעלן קריזיס קאונסעלינג און קאנפליקט לייזונג פארמיטלונג פאר היימלאזע LGBTQ+ יוגנט. שאנעל האט ערהאלטן איר הויך שולע דיפלאמע פון Martin Luther King Jr. הויך שולע. זי איז אויך געווען די טעמע פון דריי דאקומענטארן און איז געשאנקען געווארן אן אויסצייכענונג און פראקלאמאציע דורך בראנקס באראו פרעזידענט רובען דיעז דזשוניאר. שאנעל איז אויך געווען די ערשטע טראנסדזשענדער פרוי צו באעהרט ווערן דורך די דאמיניקען פאראדע פארבאנד (Dominican Parade Association).

**דזשענא פרעיזשער (זיי/זי)** איז אויסדערוועהלט געווארן אלץ די עדי ווינדסאר, מאַרשאַ פּ. דזשאנסאן און סילוויע ריווערא LGBTQ פעלאָו. זיי האפן צו באעהרן די ירושה פון די דריי אויסערגעווענטליכע ניו יארקער נאך וועם די פעלאָושיפּ איז גערופן געווארן. דזשענא איז א יאָגי און א סאציאלע ווארקער וואס האט א געפיל פאר דאס שאפונג פון פלעצער פון היילונג און באפרייאונג. זיי האבן געהאלפן פירן פאנדרעיזינג און דיגיטאלע סטראטעגיע ביי I Challenge Myself (איך פרואוו זיך), אן ארגאניזאציע וואס ערנערט די מוח, גוף און גייסט דורכן באקענען ניו יארק סיטי פובליק סקול שילער/ינס מיט פארן אויף ביציקל פאר לענגערע שטרעקעס און ווערן געקאָטשט דורך א LGBTQ+ יוגנט ביציקל קלאָב – די Fearless Flyers (פארכטלאזע פליער). בעפאר דעם האט פרעיזשער אויסגעלערנט יאָוגע אין עלעמענטערי סקולס אין די סאַוט בראנקס און אין האַרלעם, און זיי האבן ערמעגליכט קאמיוניטי ארגאניזירונג גרופעס מיט צענערלינגען איבער גאנץ NYC זיך צוזאמצונעמען אין אן אנטי-ראסיסטישע פאראיין. זיי האבן ערהאלטן זייער MSW דעגרי פון די Silberman School of Social Work פון Hunter קאלעדזש און א בעטשעלאָר אָוו סייענס דעגרי אין דזשורנאליזם פון Northwestern אוניווערסיטעט.

די וויכטיגע סטרוקטורן וועלכע וועלן באלאכטן ווערן אין פייערונג פון טראנסדזשענדער טאג פון זעהבארקייט רעכענען אריין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- דער "פראנקלין ד. רוזוועלט" מיד-האדסאן בריק
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקוועיר וויעדאָקט
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ארייגאנג

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן